איז אזוי ווי עס וועט דעמולט זיין אויך אנדערע קשיות, וועט אויך זיין דער קשיא! והלואי אז עס זאלן ניט זיין קיין גרעסערע קשיות און דאגות ווי דער קשיא!

און בפרט ס'איז אויך א זיכערע זאך אז פאר ביאת משיח צדקנו וועט אלי' הנביא קומען, וואס תשבי יתרץ קושיות ואיבעות.

לו. בנוגע צו דעם פירוש רש"י: רש"י איז מעתיק פון פסוק די ווערטער "עד אשר אבוא אל אדוני שעירה" און איז מפרש: "הרחיב לו הדרך שלא הי' דעתו ללכת אלא עד סוכות, אמר אם דעתו לעשות לי רעה ימתין עד בואי אצלו והוא לא הלך, ואימתי ילך? בימי המשיח שנאמר ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו, ומ"א יש לפ' זו רבים".

דארף מען פארשטיין:

פארוואס פרעגט רש"י "ואימתי ילך": מ'קען זאגן אז דאס וואס יעקב האט געזאגט צו עשו'ן "עד אשר אבוא אל אדוני שעירה" איז געווען מערניט בכדי צו באווארענען "אם דעתו לעשות לי רעה כו'" (ווי רש"י זאגט), אבער ער האט ניט געהאלטן בא דארטן גיין.

וע"ד ווי מ'געפינט בא די ברכות פון יצחק אז "בא אחיך (יעקב) במרמה ויקח ברכתך", אז יעקב האט זיך געפירט אין אן אופן פון מרמה.

ועד"ז האט יעקב געזאגט רחל (ווי רש"י ברענגט פריער אראפ) בנוגע צו איר פאטער לבן, אז "אם לרמאות הוא בא גם אני אחיו ברמאות כו'".

וואס רש"י טייטשט דארטן (בא ברכת יצחק) טאקע "במרמה - בחכמה" [ווי רש"י טייטשט אויך בפרשתנו] - אבער דערפון זעט מען אז אין א מצב וואס ס'איז ניטא קיין ברירה האט זיך יעקב געפירט אין אן אופן פון מרמה;

האט מען דאך לכאורה אזוי אויך געקענט זאגן בנדו"ד, אז וויבאלד עס קען זיין אז עשו וויל טאן רעה צו יעקב - האט יעקב געמוזט טאן עפעס ראס צו באווארענען - דערפאר האט ער געזאגט "עד אשר אבוא אל אדוני שעירה", אבער בפועל האט ער ניט געהאלטן בא דארטן גיין.

לז. די קשיא ווערט נאך שטארקער: פארוואס האט יעקב בכלל געדארפט זאגן "עד אשר אבוא אל א.וני שעירה":

עטלעכע טעג נאך דערויף וואס יעקב האט דאס געזאגט "עד אשר אבוא אל אדוני שעירה", האט דאך עשו געזען אז יעקב איז צו אים ניט געקומען - איז ממה נפשך: אויב ער האט אים געוואלט טאן רעה האט ער דעמולט געדארפט קומען צו יעקב אין סוכות און דארטן טאן וואס ער וויל - איז וואס וואלט געהאלפן יעקב'ן מיטן זאגן "עד אשר אבוא אל אדוני שעירה" - ער האט דערמיט מערניט ווי אפגעלייגט דער רעה וואס עשו וויל אים טאן אויף עטלעכע טעג?!

[בשלמא בשעת מעשה ווען יעקב האט גערעדט מיט עשו, האט יעקב ניט מורא געהאט אז עשו האט אים געוואלט טאן עפעס שלעכטס - ווארום ס'איז ערשט געקומען בהמשך צו דעם "וישקהו" בכל לבו וכו'; אבער ווען ס'איז א דורך א משך זמן האט געקענט זיין אז ער זאל אים וועלן טאן שלעכטס];

אלא וואס דען, ער האט אים ניט געוואלט טאן רעה - איז אויב אזוי פארוואס האט יעקב בכלל געדארפט לכתחילה זאגן "עד אשר אבוא אל אדוני שעירה"?

ובפרט אז מ'זעט בפרשתנו אז יעקב האט געטאן כמה זאכן בכדי ניט אויפצורייצן עשו'ן - איז וואס פאר א קלעפ האט עס אז ער זאל אים זאגן "עד אשר אבוא אל אדוני

שעירה", און דערנאך וועט עשו זען אז ער האט אים אפגענארט און ער האט ניט געקומען?!

לח. אויך דארף מען פארשטיין אין המשך פון פירוש רש"י, "ומ"א יש לפ' זו רבים":

דערפון וואס רש"י זאגט אז "ומ"א יש לפ' זו כו'" איז פארשטאנדיק אז דאס וואס שטייט פאר דערויף איז פשוטו של מקרא - איז פארוואס דארף רש"י ברענגען אז ס'איז דא א פירוש אין מדרש, בשעת ער האט א פירוש אין פשש"מ, וואס דאס איז ענינו לפרש פשוטו של מקרא (ווי ער זאגט בכ"מ)?

אפילו אז ער ברענגט שוין יע אז ס'איז דא א מדרש - פארוואס דארף ער אבער ברענגען אז "ומדרשי אגדה יש לפ' זו רבים", וואס דאס איז אינגאנצן ניט מובן: וועמען איז דא נוגע אז עס זיינען דא מדרשים רבים אויף דער פרשה?!

און די אלע דיוקים דארפן זיין פארשטאנדיק אין פשש"מ פאר א בן חמש למקרא, אן קוקן אין מפרשי רש"י, ובפרט אז דא שטעלן זיך ניט קיינע מפרשים (וואס איך האב געזען) אויף דעם פירוש רש"י - וועט סיי-ווי-סיי ניט העלפן אויב מ'וועט דארטן קוקן.

וכפי שיתבאר לקמן.

לט. אן ענין אין פרשתנו וואס איז ניט פארשטאנדיק אין פשש"מ און אעפ"כ איז דאס רש"י ניט מפרש:

מ'האט גערעדט אין דער התוועדות פון יו"ד כסלו וועגן דער שאלה וואס אלע מפרשי התורה, פשטנים וכו', ביז אויך אין דרושי חסידות, פרעגן אויף דעם וואס עס שטייט אין פרשתנו (לב, לא) "ויקרא יעקב שם המקום פניאל" און דערנאך שטייט (שם, לב) "כאשר עבר את פנואל".

וואס דאס איז דאך א קשיא אויך אין פשש"מ, בשעת מ'לערנט די פסוקים ווערט דאס גלייך שווער - און אעפ"כ שטעלט זיך רש"י בכלל ניט אויף דעם!

דער אור החיים פרעגט אויך די שאלה, און ער פארענטפערט: "לא קרא שם המקום פניאל אלא יעקב לבד, אבל כל חוץ ממנו ואפי' דבר תורה תקראהו פנואל".

אבער: א) רש"י זאגט דאס ניט און איז אפילו ניט מרמז אויף דעם, ב) דער ענטפער איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק אין פשש"מ: 1) בשעת יעקב האט עס גערופן מיטן נאמען "פניאל" - פארוואס האבן אלע אנדערע דאס אנגערופן מיטן נאמען "פנואל" - צי דען האבן זיי דאס געטאן אויף-צו-להכעיס יעקב'ן?! 2) און וועלכער נאמען רופט אן תורה דעם ארט - ניט מיט דעם נאמען וואס יעקב האט געגעבן ("פניאל"), נאר דעם נאמען וואס אלע אנדערע האבן דאס געגעבן ("פנואל")!

מ. אין די הערות אויף זהר פון פרשתנו איז דא א הערה (אויף א זהר) וואס איז פארבונדן מיט דער גאולה וואס וועט זיין ע"י דוד מלכא משיחא:

אין זהר (ח"א קסח, א) שטעלט ער זיך אויפן פסוק "חיים שאל ממך נתת לו", און זאגט: "חיים שאל ממך דא דוד מלכא דהא כד ברא קב"ה גנתא דעדן אטיל בי' נשמתא דדוד מלכא ואסתכל בי' וחמי דלית לי' חיים מדילי' כלום",

און דערפון וואס עס שטייט "חיים שאל ממך נתת לו", איז פארשטאנדיק אז דא איז ניט דער פירוש, אז די חיים וואס איז געווען בא דוד איז געווען אן אויפגעמאכטע זאך פון דאס-ניי - נאר אז די חיים איז געווען ערגעץ אבדערש, און פון דארטן האט מען עס געגעבן צו דוד'ן,

מב. דער ביאור אין פירוש רש"י (בקיצור):

רש"י'ן איז שווער אין פסוק די שאלה האמורה לעיל (סל"ז) - פארוואס האט יעקב בכלל געדארפט זאגן "אשר אבוא אל אדוני שעירה", בשעת ער האט ניט געהאלטן בא דארטן גיין?

בשעת יעקב האט געוואלט מקבל זיין ברכת יצחק און בשעת ער האט געדארפט האבן צו טאן מיט לבן - האט ער קיין ברירה ניט געהאט, ער האט זיך געמוזט פירן אין אן אופן פון מרמה - אבער דא איז אין דערויף ניטא קיין תועלת אין זאגן עשו'ן אז ער וועט צו אים קומען, בשעת עשו אליין וועט זען א ווילע שפעטער אז ער קומט ניט צו אים?! און עס קומט ניט צו יעקב'ן, "בחיר שבאבות", צו זאגן סתם מליצות!

איז דער ביאור אין דעם - אז מיט זאגן "עד אשר אבוא אל אדוני שעירה" האט יעקב געוואלט (ניט נאר באווארענען "אם דעתו לעשות לי רעה כו'", נאר אויך) זאגן עשו'ן אז ער וועט אמאל טאקע קומען צו אים.

און דערפאר פרעגט רש"י "ואימתי ילך": וויבאלד אז יעקב האט געזאגט "אשר אבוא אל אדוני שעירה", איז פארשטאנדיק אז יעקב האט געוואלט מודיע זיין עשו'ן אז ער וועט קומען צו אים, איז טאקע "אימתי ילך". און רש"י פארענטפערט אז דאס וועט זיין "בימי המשיח".

וואס דאס איז ניט ווי די וועלט לערנט די שאלה "ואימתי ילך", אז וויבאלד יעקב האט געוואלט באווארענען "אם דעתו לעשות לי רעה כו'" דערפאר האט ער געזאגט "אשר אבוא אל אדוני שעירה", וואס וויבאלד אז ער האט דאס געזאגט מוז מען זאגן אז דאס איז אמת - פרעגט רש"י א זייטיקע שאלה "ואימתי לך" -

נאר די שאלה פון רש"י איז א חלק פון פירוש הכתוב, אז וויבאלד אז מיט זאגן "אשר אבוא אל אדוני שעירה" האט יעקב געוואלט מודיע זיין עשו'ן אז ער וועט אמאל קומען צו אים, פרעגט רש"י ווען וועט דאס טאקע זיין. (לשלימות הענין - ראה שיחת ש"פ וישב).

מג. דער ביאור אין דעם וואס רש"י ברענגט דערנאך "ומדרשי אגדה יש לפ' זו רבים":

נאך דערויף וואס דער בן חמש למקרא לערנט דעם רש"י ע"ד הפשט, אז יעקב האט באווארנט "אם דעתו לעשות לי רעה כו'" - ווערט ביי אים א שאלה:

אמת טאקע אז יעקב האט באווארנט אז עשו זאל זיך מיט אים ניט טשעפען - אבער ווי ווערט דאס באווארנט בכל הדורות שלאח"ז, וואס מ'זעט דאך אז "בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו", ווי דער בן חמש למקרא זעט דאס בחיין, אז עס זיינען דא די כמה רדיפות פון גוים, ביז די מסעות הצלב וואס זיינען געווען בזמן פון רש"י.

וואס פון וואנענט קומען די גוים וואס זיינען רודף אידן, קומט דאס פון עשו'ן, און פון בניו ובני בניו, ווי דער בן חמש למקרא וועט ווייטער לערנען אין רש"י בפרשתנו אז פון עשו איז ארויסגעקומען רומי, ובמילא מאכט ער דעם חשבון אז דער מלכות רומי וואס איז רודף אידן בזמנו ובכל הדורות, שטאמט דאס פון עשו'ן -

ווערט ביי אים די שאלה ווי האט יעקב דאס באווארנט?

וואס אין פשוטו של מקרא איז דאס קיין שאלה ניט, ווארום אין פשש"מ האט יעקב נאר באווארנט עשו אליין, און ניט זיינע אייניקלאך וכו' - ביי א תלמיד ממולח וועט אבער יע ווערן די שאלה.

לג. האט מען דאך מבאר געווען בקיצור, אז רש"י׳ן איז דא שווער פארוואס האט יעקב בכלל געדארפט זאגן "עד אשר אבוא אל אדוני שעירה", וואס זיינען לכאורה אינגאנצן איבעריק - ער האט דאך שוין געזאגט "ואני אתנהלה לאטי"[122]?

און בכדי צו פארענטפערן די קשיא קומט די גאנצע אריכות אין פירוש רש"י "הרחיב לו הדרך וכו׳". והביאור בזה:

רער בן חמש למקרא וועט באלד לערנען אז לאחרי ווי יעקב האט גערעדט מיט עשו׳ן, איז ער געגאנגען ביז סוכות און דארטן פארבליבן י"ח חודש (ווי רש"י זאגט[127]. דערנאך וועט ער לערנען אז ער איז געקומען אין שכם און דארטן געבליבן דריי יאר[128]. שפעטער האט ער געמאכט די אלע נסיעות, ביז ער איז אנגעקומען אין ארץ כנען און דארטן פארבליבן א משך פון כמה יארן, ביז אז ער האט אראפגענידערט אין מצרים.

ווארום דאס איז דאך אלץ א מעשה פון צען, צוויינציק אדער מערער יארן זינט יעקב האט געזאגט צו עשו׳ן "ואני אתנהלה לאטי" - ווערט בא דעם בן חמש למקרא א שטורמדיקע קשיא: עשו האט דאך געהערט פון יעקב׳ן "ואני אתנהלה לאטי" - איז וואו איז עשו געווען די גאנצע צייט?! ווען עשו האט געזען אז יעקב קומט ניט אין שעיר, איז "אם דעתו לעשות לי רעה" - האט ער גלייך געדארפט גיין צו יעקב׳ן קיין סוכות, ועאכו"כ די גאנצע י"ח חודש אין סוכות, ועאכו"כ די אלע שפעטערדיקע יארן - איז פארוואס איז עשו ניט געקומען צו יעקב׳ן?!

און די רייד פון יעקב׳ן "ואני אתנהלה __לאטי__" זיינען כלל ניט מספיק צו באווארענען פארוואס עשו קומט ניט צו אים אין שעיר במשך פון צענדליקער יארן.

אויף דעם זאגט רש"י אז יעקב האט מוסיף געווען "עד אשר אבוא אל אדוני שעירה", און רש"י איז דאס מסביר: "הרחיב לו הדרך שלא הי׳ דעתו ללכת אלא עד סוכות אמר אם דעתו לעשות לי רעה ימתין עד בואי אצלו והוא לא הלך":

יעקב האט ניט געזאגט אז ער מאכט __לענגער__ דעם וועג ("האריך לו הדרך"), וואס וואלט געמיינט אז מ׳וועט ווערן פארמאטער פון וועג, וועט מען זיך דארפן אפרוען, במילא וועט דער וועג זיין לענגער - ווארום דאס וואלט ניט פארענטפערט די אריכות פון אזויפיל יארן, כנ"ל -

- נאר -

----

127) לג, יז. 128)

נאר "הרחיב לו הדרך": ער האט געמאכט ברייטער דעם וועג. ד.ה. אין יעדער ארט וואו ער איז געקומען האט ער זיך געדארפט פארהאלטן אין אן אופן פון הרחבה. און טאן דארטן וואס ער האט געהאט צו טאן, און דער הרחיב נעמט אזויפיל צייט ביז יעקב וועט קומען אין שעיר.

לד. יעקב איז דאך אבער געווען אן "איש תם"[129] - איז אויב ער האט געוואלט עשו'ן אפנארן האט ער דאס אים געקענט זאגן בסגנון אחר - דערפון איז רש"י מוכיח אז יעקב וועט טאקע קומען קיין שעיר, דעריבער איז ער ממשיך: "ואימתי ילך, בימי המשיח", און ברענגט דערצו א ראי' "שנאמר ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו".

און דאס איז א ראי' מספקת אז יעקב וועט קומען אין שעיר (אפילו אן די ווערטער "והיתה לה' המלוכה"), כמובן פון א רש"י וואס שטייט פריער אין חומש, כדלקמן.

לה. אע"פ אז דאס איז א רש"י וואס שטייט אין חומש פריער מיט עטלעכע סדרות - געדענקט עס דער בן חמש למקרא.

משא"כ אן ערוואקסענער געדעקנט דאס ניט - ער איז אן אדם גדול, און ער לערנט רזין דרזין דתורה - איז וואס פאר א שייכות האט ער צו פירוש רש"י?!

נאר וויבאלד אז ס'איז דא תקנה פון דעם אלטן רבי'ן[130] און פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[131] צו לערנען חומש מיט פירוש רש"י - האט ער קיין ברירה ניט, און ס'דארף דאך זיין נעשה קודם לנשמע[132], - לאזט ער זיך אראפ און טוט אן "עבודת פרך"[133] - ער "בראקט" אפ דעם חומש מיט פירוש רש"י, און פארגעסט עס גלייך, אזוי ווי ער טוט בנוגע צום שיעור אין תהלים און אזוי ווי ער טוט בנוגע צום שיעור אין תניא,

וואדום אין חסידות - לערנט ער לקוטי תורה, הרס"ו, און דערנאך ווען עס האט זיך אפגעדרוקט דער המשך תער"ב לערנט ער תער"ב - איז גאר ניט שייך זאגן אז ער לערנט ניט קיין תניא!

ועד"ז איז ביי אים אויך בנוגע צו פירוש רש"י: פירוש רש"י - דאס איז שייך צו נשים, עמי-הארצים, קינדער; אבער ער איז דאך אן אדם גדול, ער לערנט רזין דרזין!

- לה. -

---

129) תולדות כה, כז. 130) "היום יום" ב' חשון (ע' קא). ?
סה"ש תש"ב ע' 29 ואילך. 131) ראה לקו"ש ח"ב ע' 570.
132) משפטים כד, ז. שבת פח, א. 133)

הנחת הת' בלתי מוגה